בס"ד

## פרשת בלק תשס"ז

# עונג שבת

**גוט שבת אלע אידן.** "טערעל האווארד" (זיין עכטע נאמען) איז געבוירן געווארן אין אמעריקא אין די יארן פאר די צווייטע וועלט מלחמה. "טערעל" איז אויפגעוואקסן ווי א געווענטליכע אמעריקאנער פרייער איד. אין די יאר תשי"ד איז "טערעל" אריינגעגאנגען אין די אמעריקאנער ארמיי. די ארמיי האט איהם געשיקט קיין דייטשלאנד. כאטש טערעל איז געווען א איד, האט ער נישט אויסגעקוקט ווי א איד, ווייל ער איז געווען הויך און ער האט געהאט בלאנדע האר. וועגן דעם, האבן די דייטשן גערעדט אלע מיני אנטי–סעמיטישע זאכן פאר טערעל. "גאר נישט האט זיך געטוישט..." האט טערעל געטראכט. "די גאנצע וועלט האט פיינט די אידן. איך גיי וואוינען אין ארץ ישראל." האט ער זיך מיישב געווען. כאטש ער איז געווען אינגאנצן פריי, האט ער אבער געשפירט א שייכות מיט ארצנו הקדושה.

באלד נאך ווען ער האט געענדיגט זיין צייט צו דינען אין די ארמיי, איז טערעל געגאנגען וואוינען אין ארץ ישראל אין א פרייע קיבוץ רח"ל. דורך די יארן אין קיבוץ איז טערעל געווארן נאנטע חברים מיט איינעם מיט דעם נאמען דוד. דוד איז געווען א שטארקע (פיסישע) מענטש. אבער עס איז נישט אייביג געווען אזוי, ווייל דוד איז כמעט געשטארבן פון הונגער אין א לאגער אין די מלחמה יארן. ווען די צוויי חברים האבן געשמועסט, האט טערעל אייביג געקוקט אויפ'ן נומערן "7401" וואס זענען נעבאך געווען אויף דוד'ס ארם. טערעל האט נישט געקענט פארגעסן די נומערן "7401" ווייל זיי זענען געווען די זעלבע פיר נומערן פון זיין "סושעל סעקוריטי נאמער" פון אמעריקא.

איין טאג, האט טערעל'ס נייגעריגקייט זיך מתגבר געווען אויף איהם און ער האט געפרעגט זיין חבר דוד וועגן די נומערן. דוד איז געווען שטיל א פאר סעקונדעס, און נאכדעם האט ער אנגעהויבן צו זאגן: "קוק, טערעל, איך האב דיך ליב, וועגן דעם גיי איך דיך דערציילן. אבער, איך בעט דיך אז דו זאלסט מיך קיינמאל נישט מעהר פרעגן וועגן די זאכן." טערעל האט שנעל מסכים געווען, און באלד דערנאך האט דוד אנגעהויבן צו דערציילן ווי די דייטשן, ימ"ש האבן געדריקט די נומערן אויפ'ן סדר (ד"ה , 5000, 5001, 5002 וכו') אויף אלע פון זיין בני משפחה. נאכדעם האבן זיי אוועקגעשיקט יעדע איינעם, און דוד האט קיינמאל נישט געזעהן זיין משפחה לעבעדיק נאכאמאל. דוד האט געענדיגט רעדען און זיינע אויגען זענען געווען נאס פון טרערן. די צוויי האבן קיינמאל נישט מעהר גערעדט וועגן די שרעקליכע מלחמה יארן.

א פאר יאר שפעטער איז טערעל געגאנגען וואוינען אין אן אנדערע קיבוץ. דארט אויף יענע קיבוץ האט טערעל געהאט א משונה'דיגע עקסידענט און ער האט נעבאך פארלוירן איין פיס. אבער, טערעל איז געווען א פעסטע מענטש, און פארלירען זיין פיס האט איהם נישט צוריקגעהאלטן אין דעם לעבן. באלד דערנאך, איז טערעל געווארן א "מדריך" – א מענטש וואס פירט טוריסטן ארום ארץ ישראל צו זעהן אלע שיינע פלעצער.

איין טאג האט טערעל אויפגעפיקט א רייכער פרייער אמעריקאנער איד פונעם עירפארט. טערעל האט גלייך געזעהן אז ער וועט נישט קענען זיך אויסקומען מיט איהם. ווייל דער מענטש איז נעבאך א גרויסע בעל גאווה וואס האט הויך גערעדט און וואס איז געגאנגען אנגעטוהן מיט קייטלעך און שיינע בגדים. אבער, טערעל האט זיך מיישב אז ער דארף פירען דעם נישט שיינער טוריסט. אויפ'ן וועג קיין ירושלים, האט דער רייכער מענטש פלוצלינג געבעטן פון טערעל אז ער זאל אפשטעלן דעם קאר אויפ'ן זייט פון גאס. דער מענטש האט געזאגט צו טערעל: "איך ווייס אז די האסט מיך נישט ליב. אבער, דו ווייסט וואס? איך האב באצאלט מיינע חובות..." מיט די ווערטער האט דער מענטש ארויפגעשלעפט זיין העמד אויף זיין ארם און געוויזן פאר טערעל פיר קליינע שווארצע נומערן אויף זיין ארם. טערעל איז געווארן איבערראשט ווען ער האט געזעהן די נאמער "7402". נאך א פאר סעקונדעס, האט טערעל געקענט אוועקנעמען זיין אויגן פון די נומערן, און ער האט געקוקט אויפ'ן פנים פון יענעם מענטש. "זאג מיך," האט טערעל געזאגט צו דעם מענטש מיט אן ערנסטקייט, "האסטו געהאט א ברודער וואס האט געהייסן 'דוד'?"

"יא, יא..." האט דער מענטש געזאגט. "איך האב יא געהאט א ברודער 'דוד'. ער איז געשטאנען פאר מיך ווען די דייטשן האבן אונז געגעבן די נומערן. ער און מיין גאנצע משפחה איז אוועק אין די מלחמה. אבער, ווי האסטו געוואוסט אז איך האב געהאט א ברודער דוד?" "הער צו," האט טערעל געזאגט. "איך מיין אז דיין ברודער לעבט נאך." דער מענטש איז געווארן ווייס. מיט שאקלדיגע הענט, האט טערעל אנגעצינדן דעם קאר און ער האט עס אויסגעדרייט און זיי האבן אנגעהויבן צו פארן צפון צו דעם קיבוץ ווי טערעל און דוד האבן געוואוינט צוזאמען עטליכע יארן פריער.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו דעם קיבוץ, איז טערעל גלייך אריין געגאנגען אין די פאבריק ווי דוד פלעג ארבייטן. דוד איז געווען צופלעפט צו זעהן טערעל מיט נאר איין פיס (טערעל האט קיינמאל נישט דערציילט פאר זיין חבר אז ער האט נעבאך פארלוירן זיין פיס אין יענע אומפאל.) אבער, טערעל האט נישט געלאזט דוד רעדן וועגן דעם פיס, טערעל האט געהאט גרעסערע נייעס צו דערציילן... "איך האב געברענגט איינעם דא, איך מיין אז ער איז דיין ברודער!" האט טערעל געזאגט.

"וואס, וואו, ווא...!" האט דוד געזאגט פלא'דיגעהייט. באלד דערנאך איז דער אמעריקאנער אריין געקומען אין פאבריק. איינער האט געקוקט אויפ'ן צווייטן מיט הרגשות פון וואונדער און מורא. די צוויי ברודער האבן זיך גלייך דערקענט און זיי זענען געלאפן אריין אין די ארעם פון די צווייטן, און אנגעהויבן וויינען שטארקע בכיות. טערעל האט ארויסגענומען דער אמעריקאנער'ס רענצלעך און ער האט אנגעהויבן אוועקצופארן. אבער, ער איז געווען אזוי שטארק איבערגענומען אז ער האט נישט געקענט פארן ווייטער. ער האט אפגעשטעלט זיין קאר און ער האט אויך אנגעהויבן צו וויינען.

די מעשה האט געמאכט אזא גרויסע רושם אויף טערעל, אז ער איז געווארן א בעל תשובה און ער האט אנגענומען זיין אידישען נאמען "טובי' חיים אריאל". ער האט אויפגעשטעלט א פרומע שטוב אין ירושלים וואו ער האט געוואוינט מיט זיין 5 קינדער ביז סוף ימיו. טובי' איז געגאנגען צו עולם האמת תשעה ב'אב צוויי יאר צוריק. אין זיין לעצטע יארן האט טובי' עוסק געווען אין גמילות חסדים און צרכי ציבור, בפרט פאר מענטשן וואס האבן אויך פארלוירן אברים, ל"ע.

עס שטייט אין פסוק אין די וואכעדיגע סדרה "הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב" מיר זענען דער אייבערשטער'ס באליבטען פאלק און מיר ווערן נישט באטראכט אזוי ווי די גוים. זאגט דער אור החיים הקדוש אויף דעם אז כלל ישראל איז א "אומה המתקיימת עד סוף העולם" א פאלק וואס איז נצחיות. מען זעט דעם ענין אין דעם מעשה וואס מען האט דערציילט די וואך. מיט ליינען אזעלכע מעשיות קענען מיר אלע נתחזק ווערן און פרייליך זיין צו זיין דעם באשעפער'ס עם סגולה. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר' דוד צבי מנחם בן חיה שרה,
שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845) - **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**

**"ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (זוהר הקדוש שמות פר' תרומה קלא:)**